ז. היוצא מזה הוא אז די מצוה פון הקהל איז צונויף קלייבן אידן און ברייגנען זיי אין א ארט וואו עס קלייבן זיך צונויף אידן אויף מעורר זיין אין זיך יראת ה', און דער מלך לייענט פאר זיי פרשיות פון תורה, אהין דארף מען צונויף קלייבן אידן, קיין נ"מ ניט צי זיי פארשטייען יע צי ניט, עס מעג זיין אפילו טף, פונדעסטוועגן וועט דאס מעורר זיין בא זיי די נקודת היהדות.

מען האט דאך פריער דערמאנט אז תורה איז א נצחית און דער ענין פון הקהל איז פאראן אויך איצטער. דארף מען וויסן, אז עס ליגט א חוב, אז בשעת מען זעט א אידן אין גאס, דארף מען אים ברייגנען צווישן אידן וואס אכל בי עשרה שכינתא שריא, ובפרט בשעת מען קלייבט זיך צונויף צוליב א ענין פון יראת שמים, איז דאך א ודאי שכינתא שריא וביתר שאת. דארף מען אהין ברייגנען אידן.

איי דער איד איז א קטן שלא הגיע לחינוך, ער וועט גארניט פארשטיין וואס מען רעדט, און אפילו אויב יע, איז לפי מצבו איז ניט שייך עס זאל אויף אים פועל'ן, וואדום ער שטייט אין א מצב וואס ער איז ניט מקבל קיין חינוך? דאס איז דיר ניט נוגע, בהדי כבשא דרחמנא למה לך, דו דארפסט אים ברייגנען, און אז דו וועסט אפטאן דיין ארבעט, מעג דאס אפילו זיין כחודה של מחט, וועט דער אויבערשטער עפענען כפתחו של אולם.

ובאמת איז בל ימלט אז בשעת א איד קומט צו א מסיבה וואס מען קלייבט זיך צונויף להתעורר ביראת שמים, איז בל ימלט עס זאל אין אים ניט פועל'ן קיין הזזה בדרך מקיף עכ"פ, וכמשל בשעת איינער שטייט אין די ד' אמות פון א צדיק און הערט ווי ער דאוונט בשפיכת הנפש, איז הגם אז ער איז א איש פשוט וואס האט ניט קיין מושג בענין עבודת הצדיקים, פונדעסטוועגן איז זיכער אז עפעס א הזזה וועט דאס אין אים פועל'ן.

במילא דארף מען ברייגנען אידן צו אידישע מסיבות, ובפרט אז די מסיבות זיינען אין א תנועה דשמחה, וואס שמחה אליין פועל'ט גילוי כנ"ל, וועט דער אויבערשטער געבן דעם כפתחו של אולם, אז ויעשו כולם אגודה אחת לעשות רצונך בלבב שלם.

* * *

ח. דער סדר אין הקהל איז געווען אז לייענען די פרשיות פון משנה תורה פלעגט דער מלך. אין דעם ענין פון א מלך

בא אידן, איז פאראן צוויי פארשידענע לשונות, וואס אמאל ווייזט אויס אז דאס איז א מעלה און אמאל ווייזט אויס אז דאס איז א חסרון.

אין די ג' מצות שנצטוו ישראל ווען זיי וועלן קומען אין א"י, איז איינע פון די דריי מצות, מצות מינוי מלך. קומט דאך אויס פון דעם אז ס'איז א מעלה, אזוי ווי די מעלה פון אלע מצות, און נאך מערער, די מעלה פון די מצות שנצטוו בבואם לארץ דוקא. פון צווייטן זייט, געפינען מיר, אז בשעת די אידן האבן געבעטן בא שמואל הנביא ער זאל זיי געבן א מלך, האט דער אויבערשטער געזאגט כי אותי מאסו גו', און ער איז געווען זייער ניט צופרידן פון דעם.

איז דאך ניט פארשטאנדיק, וויבאלד אז זיי זיינען אזוי נצטווה געווארן, זיי זאלן ממנה זיין א מלך אויף זיך, איז וואס האט מען בא זיי געמאנט? איז מוכרח צו זאגן אז ס'איז פאראן צוויי אופנים אין מינוי מלך, וואס איין אופן פון זיי איז א חסרון און דער צווייטער אופן איז א מעלה גדולה ביותר.

ט. אין דעם ענין וואס א מלך טוט אויף אין דעם עם, איז פאראן צוויי ענינים. א) א ענין נחוץ ביותר, וואס ס'איז 'ניט נוגע צו מעלת המלך, אזוי ווי עס שטייט אלמלא מוראה איז את רעהו חיים בלעו, ד.ה. אז דער מורא המלך טוט אויף אין דעם עס זיי זאלן זיך פירן בדרך היושר, דאס וואס זיי אליין פארשטייען אז מען דארף זיך אזוי פירן. ב) דער מלך גיט ארויס אזוינע פקודות וואס דער עם אליין האט ניט קיין דעת צו משיג זיין אז מען דארף זיך אזוי פירן, און זיי טוען דאס נאר ווייל דער מלך הייסט.

די צוויי ענינים אין מלוכה זיינען תלוי אין דעם מצב פון דעם עם. בשעת דער עם געפינט זיך אין א מצב שפל, וואס זיי פירן זיך ניט בדרך היושר, אפילו דאס וואס ס'איז מובן בשכלם, יעמולט דארפן זיי אנקומען צום מלך אויף ענינים פחותים, ד.ה. אז דער מורא המלך איז א בייטש איבער זיי, עס זאל ניט זיין קיין איש את רעהו חיים בלעו. און בשעת דער עם שטייט אין א מדריגה נעלית, אז דאס וואס זיי פארשטייען טוען זיי, נאר ס'איז פאראן ענינים וואס זיי קענען ניט באגרייפן, דאן נוצן זיי אויס דעם מלך לפי מעלתו, אז ער איז זיי מודיע ע"י

שרי'ו ועבדיו, פקודות ווי צו טאן, און זיי טוען דאס מצד זייער ביטול צום מלך.

יו"ד. ככל הדברים האלה, איז בא עם ישראל, וואס דער אויבערשטער איז זייער אדון און מלך. ווי מיר זאגן, אנו עמך ואתה מלכנו, אז ס'איז פאראן צוויי אופנים אין דעם מצב פון עם ישראל, וואס לויט די צוויי אופנים איז פאראן צוויי אופנים אין דעם מלכות וואס זיי נעמען פון אויבערשטן, ובדרך ממילא אויך צוויי אופנים אין מינוי מלך בו"ד, וואס דורך אים גייט דורך די השפעה, פון ממה"מ הקב"ה.

אידן דארפן וויסן אז זייער גאנצער חיות איז תלוי אין אויבערשטן, ד.ה. אז דער גאנצער קיום העולם איז נאר מצד דעם אויבערשטנס מלכות, און אזוי ווי אין מלך בלא עם, האט ער באשאפן א וועלט. וואס מצד דעם בעטן אידן מלוך עלינו, - וואס אזוי וויל דאך דער אויבערשטער, ער זאגט אמרו לפני מלכיות - אז דער אויבערשטער זאל זיין א מלך אויף זיי, און דורך זיי א מלך אויפ'ן גאנצן עולם.

בשעת אידן שטייען ניט אין דער דרגה, יעמולט דארף זיין דער שום תשים עליך מלך, אז דער מלך איז ממשיך אין אידן די יראה וביטול צום אויבערשטן. דער מלך ער איז די נשמה כללית פון אלע אידן, און ער שטייט מיט א יראה וביטול צום אויבערשטן, דערפאר איז דאך המלך אינו פוסק, איז דעם ביטול וואס ס'איז פאראן בא אים, וואס דאס איז פאראן בא אים מצד התורה, דמ"ת בזרועו, דעם ביטול איז ער ממשיך אין אלע אידן.

דער אופן אין מלוכה איז א עניך פחות, וע"ד דער אופן הא' אין מלוכה אז דאס פועל'ט עס זאל ניט זיין קיין איש את רעהו חיים בלעו. איש מיינט איש שדה, זאל ניט בולע זיין את רעהו, דעם איש דקדושה.

דער צווייטער אופן אין מלוכה איז: בשעת אז אידן שטייען אין א דרגה פון יראה וביטול צום אויבערשטן, אבער ניט אלץ קענען זיי דאך משיג זיין, אויף דעם איז פאראן דער מלך די נשמה כללית, וואס זיין ידיעה והשגה איז כולל די ידיעה והשגה פון אלע אידן, און העכער פון זיי, איז ער זיי משפיע זיינע השגות.

אזוי ווי מיר געפינען בא משה רבנו, וואס ער איז געווען א מלך אויף אידן, ווי עס שטייט ויהי בישורון מלך,

איז וואס איז געווען משה'ס ענין משה האט געגעבן תורה צו אידן, וואס אלע השפעות קומען דורכן צנור התורה, אפי' השפעות בגשמיות, ווי עס שטייט אם בחוקותי תלכו, שתהיו עמלים בתורה, ונתתי גשמיכם בעתם.

דערפאר געפינען מיר אז אויך השפעת בשר גשמי איז געווען דורך משה'ן דוקא, וואס הגם אז משה האט געזאגט מאין לי בשר, האט אים דער אויבערשטער געזאגט ער זאל מאציל זיין פון זיין רוח אויף די שבעים זקנים און דורך זיי וועט זיין די השפעה, איז מבואר אין חסידות, אז מצד מדריגת משה איז ער געווען צו הויך להשפיע בשר גשמי, ובפרט אז שאלו שלא כהוגן, דערפאר האט געמוזט זיין די השפעה ע"י הזקנים,

איז דאך ניט מובן, וויבאלד אז משה איז צו הויך, נאך וואס האט מען געדארפט אז משה דוקא זאל מאציל זיין מרוחו, האט דאך געקענט זיין די השפעה באלד פון די זקנים אליין? איז דער ביאור אין דעם, ווארום משה קבל תורה מסיני ומסרה לכל ישראל און ער איז געווען דער נשיא הדור. און אלע השפעות מוזן קומען פון נשיא הדור דורכן צנור התורה, איז אפילו אויב עד איז צו הויך, מוז דאס אניך קומען פון אים דוקא, נאר ע"י הזקנים.

יא. עפי"ז וועט מען פארשטיין וואס שמואל האט געזאגט אותי מאסו, הגם עס איז דאך איינע פון די ג' מצות שנצטוו בבואם לארץ, ווארום שמואל האט געוואלט אז די אידן זאלן שטיין אין דעם מצב אזוי ווי ס'איז געווען בימי משה ואהרן, וואס יענער דור איז געווען א דור דיעה, דעם ענין פון איש את רעהו חיים בלעו, סיי אין גשמיות סיי אין רוחניות, האט מען ניט געדארפט באווארענען, און דער ענין פון מלך איז געווען אויף ממשיך זיין אין אידן יראה עילאה.

בשעת אבער אז אידן זיינען ניט געשטאנען אין דער מדריגה, עס איז ניט געווען גענוג דעת אויף קענען צו נעמען יראה עילאה, וואס אויף יראה עילאה שטייט אם אין חכמה אין יראה, איז דער פירוש אין דעם, אז מען מוז האבן די העכסטע מדריגה אין חכמה צוליב יראה, ווארום אז תורה רופט אן חכמה גייט דאך אין דעם אדיין אלע ענינים וואס ס'איז דא אין חכמה, עס איז חכמה אזוי ווי <u>תורה</u> פארשטייט חכמה,

איז בשעת אז דאס פעלט, און עס פעלט נאך אסאך מערער פון דעם, נאר מען בעט פשוט א מלך עס זאל זיין ככל הגוים,

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

וואס בא זיי איז דער ענין פון מלוכה צו באוואָרענען עס זאל ניט זיין קיין איש את רעהו חיים בלעו. אויף דעם זאגט ער אותי מאסו, עס פעלט בא זיי יראת שמים, מצד עצמם, און די יראת שמים וועט נמשך ווערן נאר מצד אימת המלכות כנ"ל.

יב. עפי"ז וועט ווערן אויך רעכט פארוואס מען האט זיי נאכגעגעבן און געגעבן זיי א מלך. דכפשוטו איז ניט מובן, וויבאלד אז דאס וואס זיי האבן געבעטן א מלך איז געווען שלא כהוגן, עס איז געווען א ענין פון אותי מאסו, איז פארוואס האט מען דאס זיי נאכגעגעבן?

ולפי הנ"ל יובן בפשיטות: דארפן דארף זיין אז דעם ענין פון יראה תתאה זאל מען אליין אויסהארעווען, וואס דאס קען יעדער איד מעורר זיין בא זיך כמבואר בתניא באריכות, אבער בשעת אז מצד איזה סיבה האט ער ניט קיין יראה תתאה, דארף מען ניט ווארטן אויף א עת רצון מלמעלה, ווארטן ביז ער וועט נתעורר ווערן ביראה תתאה און צום מלך וועט ער גיין אויף יראה עילאה, און דערווייליע אומגיין אזוי ווי א נאוונע בהמה אן א בעה"ב אויף זיך, נאר ער דארף דערווייליע נעמען אויף זיך א מלך ער זאל אים געבן די ענינים פחותים, וואס דאס איז ניט נוגע צו מעלת המלך, און דערנאך, במשך הזמן, וועט ער גיין צום מלך בעטן ער זאל אים משפיע זיין ענינים נעלים, אזוינע ענינים אויף וואס מען דארף אויסנוצן א מלך.

יג. עס איז ניט סתם קיין דרוש נאר דאס איז א הוראה בפועל:

היינט איז דאך ניטא קיין מלך, אבער פונדעסטוועגן זאגט דאך די גמרא מאן מלכי רבנן, און אזוי ווי ס'איז דא א מצוה פון מינוי מלך, אזוי איז דאך א חוב אויף יעדער איינעם, עשה לך רב, איז אין דעם ענין פון עשה לך רב, פאראן א הוראה בפועל, פון די פריערדיקע הסברה בענין מינוי מלך.

עס איז פאראן אזוינע וואס נארן זיך און מיינען אז די ענינים פחותים צו וואס זיי קענען אליין צוקומען, וועלן זיי ניט פרעגן בא קיין רב, אמת טאקע די גמרא זאגט עשה לך רב, יעדער איד דארף האבן א רב, אבער פונדעסטוועגן - טראכטן זיי - אז דעם רב דארף מען פרעגן וועגן ענינים נעלים, און אויף ענינים פחותים דארף מען ניט אויסנוצן קיין רב, דאס קען ער אליין טאן.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

איי עס גייט דורך א וואך, צוויי און מערער און ער שטייט על מצבו, אבער פונדעסטוועגן, קלערט ער, צום רב וועט ער ניט גייז, ער וועט ווארטן אז יערה רוח ממרום, און ער וועט נתעורר ווערן, און יעמולט וועט ער קענען גייז צום רב, אזוי ווי מען דארף גייז צו א רב,

אויף דעם איז די הוראה פון מצות מינוי מלך, אז הגם טאקע אז דער עניין פון א מלך דארף זיין אויף גאר אנדערע ענינים, אבער פונדעסטוועגן איז אפילו בשעת עס איז א פאל פון אותי מאסו, נוצט מען אוים דעם מלך אפילו אויף דעם, איז דאס א הוראה בכל זמן ובכל מקום, אז אין וועלכן מצב ער איז נאר, דארף זיין עשה לך רב,

- עס איז פאראן אזוינע וואס זאגן אז זיי געפינען ניט קיין רב, דארפן זיי וויסן אז דאס איז מעצת היצר, ווארום לא אלמן ישראל, און לא ימלט אז צווישן אידן זאל ניט זיין איינער אזא וואס תורה רופט אים מיטן נאמען רב, במילא דארף ער לכתת את רגליו, זוכן און זוכן ביז ער וועט זיך געפינען א רב. מען דארף וויסן אז אויף זיך טאר מען זיך ניט פארלאזן, מען מוז האבן א רב, און אז מען וועט זוכן וועט מען געפינען א אידן וואס האט מער אהבת ה' ויראת ה' פון אים, און ער קען זיין זיינער א רב. מען דארף וויסן אז פון איין זייט איז אל תאמין בעצמך עד יום מותך אויף זיך טאר מען זיך קיין מאל ניט פארלאזן און מען מוז האבן א רב, און פון צווייטן זייט אז יגעת ומצאתה תאמין, אז אויב ער וועט הארעווען און זוכן מיט א אמת וועט ער געפינען א רב -

און דער רב וועט פאר אים זאגן די פרשיות וואס דער מלך פלעגט ליינען בהקהל שמע והי' אם שמוע, דער רב וועט פאר אים פריער לערנען שמע בדרך קבלת עול, און דערנאך והי' אם שמוע גו' ואספת דגנך, ער וועט אים געבן צו פארשטיין אויך אין השגה אז דער ואספת דגנך איז תלוי אין דעם והי' אם שמוע וואס צו ערשט וועט ער מיט אים לערנען ענינים פשוטים, ביז ער וועט אין אים ממשיך זיין יראה עילאה.

* * *

<u>הנחה בלתי מוגה</u>